**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 8/16/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול שרייבט אונטער ביל פארזיכערנדיג אנגענומענע געהאלט פאר קאנסטרוקציע ארבייטער וועלכע פירן דורך געוויסע יוטיליטי ארבעט אויף שאסייען

***ביל (S.4887/A.5608) וועט פארלאנגען אז קאנסטרוקציע ארבייטער אויף פראיעקטן וועלכע נעמען אריין אויסגראבן אדער עפענען א גאס זאלן באצאלט ווערן א יושר'דיגע געהאלט***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט ארייננגעשריבן א ביל (S.4887/A.5608) אין געזעץ, דורכפירנדיג דעם 'שאסיי קוואליטעט פארזיכערונג געזעץ' (Roadway Quality Assurance Act), פארשטערקערנדיג ניו יארק'ס קאנסטרוקציע ארבעטסקראפט דורכן זיכער מאכן אז זיי ווערן באצאלט די אנגענומענע (פריוועילינג) געהאלט. די פאדערונג הייבט אויף ארבייטער און לאקאלע קאמיוניטיס אריבער ניו יארק סטעיט, און עס ביישטייערט צו פארלעסליכע יוטיליטי סערוויס פאר די וועלכע באנוצן זיך מיט די יוטיליטיס.

"אונזערע קאנסטרוקציע ארבייטער האלטן ניו יארקער אויף די באוועגונג, אבער זיי ווערן אפטמאל נישט באצאלט גענוג פאר זייער שווערע און וויכטיגע ארבעט", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "איך בין שטאלץ צו אונטערשרייבן די ביל וואס וועט געבן פאר קאנסטרוקציע ארבייטער יושר'דיגע געהאלטן און זיי ערלויבן צו אויסהאלטן זיך, זייערע פאמיליעס און אונזער לאקאלע עקאנאמיע."

די ביל (S.4887/A.5608) ענדערט דעם 'לעיבאר געזעץ' צו דורכפירן די "שאסיי אויסגראבונג קוואליטעט פארזיכערונג געזעץ" צו באשיצן ארבייטער אויף פראיעקטן וועלכע נעמען אריין אויסגראבן אדער עפענען א גאס. די ביל פארלאנגט פון יוטיליטי פירמע קאנטראקטארס און אונטערשטע קאנטראקטארס צו באצאלן די אנגענומענע געהאלט פאר ארבייטער אויף פראיעקטן פאר וועלכע עס פארלאנגט זיך א פערמיט צו נוצן, אויסגראבן אדער עפענען א גאס.

**סטעיט סענאט דעפיוטי פירער מייקעל דזשיענעריס האט געזאגט,** "די ארבייטער וועלכע האלטן אויף און פארבעסערן אונזער אינפראסטרוקטור זענען קריטיש פאר אונזערע קאמיוניטיס, און עס קומט זיך זיי אן אנגענומענע געהאלט. עס איז גוט פאר די פעהיגע ארבייטער און עס איז גוט פאר לאקאלע עקאנאמיעס אריבער ניו יארק. עס דערפרייידט מיך אז גאווערנער האקול שרייבט אונטער די ביל."

**אסעמבלי מיטגלידערין קארינס רעיעס האט געזאגט,** "איך אפלאדיר גאווערנער האקול פארן העכערן די געהאלטן פון ארבייטער וועלכע פארריכטן אונזערע שאסייען און פארשטערקערן אונזער סטעיט'ס לאקאלע עקאנאמיעס. דורכן אונטערשרייבן די ביל גאראנטירט די גאווערנער אז שאסיי ארבייטער וועלן באקומען די אנגענומענע געהאלט פאר זייער דינסט, און זי פארזיכערט דערמיט אז ארבייטער וועלן באצאלט ווערן ווי עס פאסט זיך פאר די קריטישע פעהיגקייטן וואס זיי ווייזן ארויס. דער נייער געזעץ וועט ערמעגליכן די קריטישע חלק פון ניו יארק'ס ארבעטסקראפט צו ברענגען פרנסה פאר זייערע פאמיליעס און צוריק אינוועסטירן אין לאקאלע ביזנעסער. איך בין דאנקבאר פאר סענאטאר דזשיענעריס פאר זיין

שותפות ביים אריבערפירן די ביל, גאווערנער האקול פאר איר פירערשאפט און LiUNA פאר זייער איבערגעגעבנקייט צו די אונטערנעמונג."

**מאריאָו סילענטאָו, פרעזידענט פון די ניו יארק סטעיט AFL-CIO יוניאן, האט געזאגט,** "מיר לויבן אויס גאווערנער האקול פארן לייגן זיכערהייט אלץ א פריאריטעט בשעת'ן זיכער מאכן אז ארבייטער וועלן באצאלט ווערן יושר'דיג פאר זייער ארבעט. דאס פארלאנגען אנגענומענע געהאלט סטאנדארטן פאר שאסיי אויסגראבונג פראיעקטן וועט פירן צו די באנוץ פון א גאר טרעינירטע און פעהיגע ארבעטסקראפט, עס וועט העלפן באשיצן די פובליק זיכערהייט און ארויסהעלפן מיט די פארלעסליכקייט פון יוטיליטי סערוויס. מיר באדאנקען די גאווערנער פארן אונטערשרייבן די ביל, און מיר באדאנקען די דעמאקראטישע מאיאריטעטן איןביידע [לעגיסלאטיווע] הייזער און די ספּאנסארס פון די ביל, סענאט דעפּיוטי מאיאריטעט פירער מייק דזשיענעריס און אסעמבלי מיטגלידערין קארינס רעיעס."

**גערי לאבארבארע, פרעזידענט פון די New York State Building & Construction Trades Council, האט געזאגט,** "מיר באדאנקען גאווערנער האקול פארן אונטערשרייבן די וויכטיגע ביל וואס וועט בענעפיטירן קאנסטרוקציע ארבייטער אריבער ניו יארק. אנגענומענע געהאלטן גיבן באדייטפולע בענעפיטן פאר ארבייטער און פאר די עקאנאמיע, אזוי ווי זיי ערמעגליכן בויען ארבעט צו פארזעצן צו זיין מיטעלע-קלאס קאריערעס פון וואס מענטשן קענען אויסהאלטן א פאמיליע. דער נייער געזעץ וועט באשיצן די פובליק זיכערהייט און די פארלעסליכקייט פון יוטיליטי סערוויס דורכן פארזיכערן אז די שאסיי אויסגראבונג פראיעקטן באנוצן זיך מיט א גאר טרענירטע און פעהיגע ארבעטסקראפט. מיר קוקן ארויס צו פארזעצן צו ארבעטן מיט די גאווערנער און מיט אונזערע שותפים אין די לעגיסלאטור אויף אנדערע באדייטפולע פאליסיס צו בענעפיטירן ארבייטער אריבער די גרוואלדיגע סטעיט."

**דען ביאַנקאָו, LIUNA וויצע פרעזידענט און ניו ענגלאנד ראיאן מענעדזשער, האט געזאגט,** "פאר צענדליגע יארן האט אונזער יוניאן געשטופט צו פארברייטערן די פאדערונג פון ניו יארק סיטי צו די רעשט פון די סטעיט. דאס איז געווען א לאנגע און העפטיגע שלאכט דורך די מענער און פרויען פון די New York State Laborers יוניאן וואס וועט בענעפיטירן אונזערע מיטגלידער אן א דאטום ווען עס וועט קומען צו אן ענדע. מיר ווילן באדאנקען אונזערע געשעצטע קאלעגן אין די סענאט און אסעמבלי, און ספעציעל דער ספּיקער, קארל היעסטי, סענאט פירערין ענדריע סטוּערט-קאָזינס, די ספּאנסארס פון די ביל, NYS סענאטאר מייק דזשיענעריס און אסעמבלי מיטגלידערין קארינס רעיעס, סענאט לעיבאר קאמיטע פארזיצערין דזשעסיקע ראמאוס און אסעמבלי לעיבאר קאמיטע פארזיצערין לאטאָיע דזשאָינער וועלכע אנערקענען אלע די וויכטיגקייט פון באצאלן גוטע געהאלטן פאר ארבייטער, זיכערהייט, טרענירונג און האלטן גרויסע יוטיליטי פירמעס פאראנטווארטליך פאר די מענטשן וועם זייערע ביזנעסער באדינען. און די וויכטיגסטע זאך, באדאנקען מיר גאווערנער קעטי האקול פארן שטיין אקסל ביי אקסל מיט שטאלצע LIUNA מיטגלידער און פארן אריינשרייבן די ביל אין געזעץ און פארן זיין א שטארקע אליאירטע מיט די יוניאן מענער און פרויען וועלכע בויען אויף ניו יארק פון די יסוד!"

**טאמאס א. קאלאהאן, פרעזידענט פון די New York State Conference of Operating Engineers יוניאן, האט געזאגט,** "די NYS Conference of Operating Engineers באדאנקט גאווערנער האקול פארן אריינשרייבן די ביל אינעם געזעץ. ארבייטער אין די פעלד וועלן יעצט באקומען די געהאלטן און בענעפיטן וואס קומען זיך זיי. מיר ווילן אויך באדאנקען די NYS לעגיסלאטור – און באזונדערס די ספּאנסארס – פארן דורכפירן די וויכטיגע ביל."

###